## קאַפּיטל צוויי

1 ד עריבער, אָפּטוענדיק פון זיך יעדע רשעות און
יעדע פאַלשקייט און צביעות און קנאה. און
2 יעדע לשון הרע, ווי נאָר וואָס געבוירענע עופהלעך,
זאָלט איר באַגערן די פאַרנונפטיקע, נישט־געפעלש־
טע מילך, כדי איר זאָלט אויפוואַקסן דורך דער
3 זעלביקער צו ישועה, אויב איר האָט טועם
4 געווען, אַז דער האַר איז גוט; צו וועמען איר קומט,
צו דעם לעבעדיקן שטיין, וואָס פון מענטשן טאַקע
איז ער פאַרשטויסן, ביי ג־ט אָבער אויסדערוויילט,
5 קאָסטבאַר, און איר אַליין, ווי לעבעדיקע שטיינער,
בויט אייך אויף צו אַ רוחניותדיק הויז, פאַר אַ הייליק־
ער כהונה, מַקריב־צו־זיין רוחניותדיקע קרבנות, וואָס
זענען וואויל־אָנגענומען ביי ג־ט דורך ישוע המשיחן.
6 דערפאַר שטייט אין פּסוק:

זע, איך לייג אין ציון אַ פונדאַמענט־שטיין, אַן
אויסדערוויילטן, אַ קאָסטבאַרן,
און ווער עס גלויבט אין אים וועט נישט ווערן
צו שאַנדן. (ישעיהו כח, טז.)

7 פאַר אייך דעריבער, וואָס גלויבן, איז ער טייער;
פאַר די אומגלויביקע אָבער:

דער שטיין, וועלכן די בויער האָבן פאַרשטויסן,
דער דאָזיקער איז געוואָרן צום הויפּט פונם
ווינקל; (תהלים קיח, כב.)

8 און:

און אַן אבן נגף און צור מכשול. (ישעיהו ח, יד.)

זיי שטרויכלען, ווייל זיי גלויבן נישט אין דעם
וואָרט, צו וועלכן זיי זענען אויך געזעצט געוואָרן.
9 איר אָבער זענט אַן אויסדערוויילט פאָלק, אַ מלכות